מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

יו"ל ע"י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה"ב

# משנתו

שנה ו' גליון קע"ד | וישב - מקץ/חנוכה תשפ"ה לפ"ק




# רבבות שלומי אמוני ישראל אומעטום פייערן דעם מוצש"ק וישב 80'סטע יום ההצלה והשחרור פון רשכבה"ג מרן רביה"ק מסאטמאר זיע"א, כ"א כסלו

**משנתו השלימה והבהירה – וואס האט מציל געווען "כל הדור כולו"! אין איינע פון די סאמע שווערסטע תקופות ביי כלל ישראל – ווערט איבערגע'חזר'ט אין אומצאליגע צענטערן אין די גאנצע אידישע וועלט**


דער רבי איז געווען גערעכט! - זייט 2


די באן גאלאפירט ר"ל קיין אוישוויץ (ליין: צה"ל)!

ארי' דרעי, ש"ס פארזיצער: **ביבי האט פארשפראכן נייער חוק הגיוס ביז א וואך אדער צען טעג** // שר 'הבטחון' ישראל כ"ץ: **אונטער נייעם חוק וועלן 50% חרדים אנקומען אין צה"ל ביז 7 יאר!** היל"ת // אריאל אטיאס, גיוס 'פאראנדלער' מטעם ש"ס: **מיר קענען לעבן דערמיט!** עפ"ל

נאכאנאנדע שמועות איבער אינטענסיווע ארבעט דורך אלע חרדי'שע פארטייען דורכצושטופן נייער שענדליכער חוק הגיוס, און אזוי ראטעווען זייערע בענקלעך און זייער געלט - קעגנערשאפט דורך "ליכוד" חברי כנסת, אין שפיץ פון יולי אדלשטיין, וועלכע פאדערן נאך ערגערן חוק - ישראל כ"ץ ארבעט אומערמידליך צו שאפן שטיצע פאר'ן חוק און אנהאלטן חרדים אין קאאליציע - פארקויפן בני הישיבות פאר בצע כסף!

## שטורעם אין חרדי'ש/ציוני'סטישער גאס מיט דרייסטער ארויסטריט פון געוועזענער ספרד'ישער רב הראשי און חבר "מועצת חכמי התורה" פון ש"ס, הרב יצחק יוסף, אז 'אויך א בחור וואס לערנט נישט טאר נישט דינען אין מיליטער'

**רבן דקרו:** ארי' דרעי מאכט עפנטליך אוועק ווערטער פון הרב יוסף, "אונז האמיר אלעמאל געזאגט אז א בחור וואס לערנט נישט דארף גיין אין מיליטער", ר"ל - שטיצט ווייטער אטיאס' פלענער פאר ביטערע פשרות, ווי ערוועגט - גרויסער שטורעם אין פרייער פרעסע קעגן הרב יוסף; רופן אים 'אויסצופארשן אלס בוגד' - זקני הרבנים הספרדים, הרב משה צדקה און הרב משה מאיה שליט"א, מפרסם מכתב חיזוק אין שטיצע פון הרב יוסף'ס דרייסטער ארויסטריט

די מאה ברענגט די דעה - שטריק אויפ'ן האלז ווערט נאכמער איינגעצויגן:

# ציוני'סטישער בג"ץ פארלאנגט שטרענגע איבערזיכט אויף לימודי ליב"ה אין 'אלע' מוסדות הנהנים משלחן איזבל; וויל פונקטליכע באריכטן סיי פון קוריקולום און סיי פון פארהערס

געריכט פארלאנג פון משרד החינוך צו שטעלן פולער 'פיקוח' איבער די לימודי ליב"ה אויך אויף 'מוסדות פטור' (וועלכע באקומען נאר טייל פונעם בודזשעט), צו זיכער מאכן אז זיי קומען נאך די פארלאנגטע טריפה'נע לימודים

משה יודא יואל ווייס

### רוח הקודש בבית מדרשו של רבי:

# דער רבי איז געווען גערעכט!

**בן שמונים לגבורה: אין אנבליק פון דעם היסטארישן 80'סטן יארטאג פון כ"א כסלו, איז א פאסיגע צייט צו כאפן א בליק אויף צוריק און אנאליזירן, מיט'ן זיין א "חכם הרואה מה שנולד כבר", זיך זעלבסט צו איבערצייגן ווי ווייט עיניו הבדולחות פון דעם צדיק הדורות דער רבי זי"ע האבן געזען אויף ווייט אוועק – אזויפיל זאכן וואס היינט זעט "יעדער", אויך ווער ס'האט דאן געלייקנט אדער אפגעלאכט, ווי ווייט "דער רבי איז געווען גערעכט" ברוחב בינתו ודעתו הקדושה, וואס האט געזען טיפער און קלארער ווי סיי וועמען.**

**זיי האבן געזאגט:**
עס איז אוממעגליך אנצוהאלטן אויטענטישער אידישקייט אין אמעריקע.

**דער רבי האט געזאגט:**
איך וועל 'קאליע מאכן אמעריקע'. דא אויף דעם טריפה'נעם באדן וועל איך אויפשטעלן א קהלה און מוסדות אקוראט מיט'ן זעלבן מהלך פון דער אלטער היים, בדרכי אבותינו ורבותינו הקדושים זי"ע.

**אכציג יאר שפעטער: דער רבי איז געווען גערעכט!**
א לגיון של מלך, די סאמע גרעסטע און שענסטע קהלה, וואס שעמט זיך גארנישט קעגן די קהלות 'אינדערהיים', און נאך פילצאליגע אנדערע ק"ק אויפ'ן אמעריקאנער באדן פירן זיך מיט אויטענטישער אידישקייט, אלעס אדאנק דעם רבי'ן זי"ע.

***

**זיי האבן געזאגט:**
די ציוני'סטישע מדינה איז אן "אתחלתא דגאולה", ענדליך אן 'אייגן' אידיש לאנד.

**דער רבי האט געזאגט:**
די מדינה איז דער גרעסטער אומגליק פאר כלל ישראל. א דירעקטער מיטל אויסצו'שמד'ן מיליאנען אידישע קינדער, און דער גרעסטער ניאוץ במלכות שמים וואס די וועלט האט ווען אימער געזען. די הויפט זאך וואס האלט צוריק די גאולה שלימה.

**אכציג יאר שפעטער: דער רבי איז געווען גערעכט!**
אויך ווער עס האט זיך אמאל אזוי איינגערעדט, אנערקענט שוין היינט אז די מדינה איז דער גרעסטער שמד-מאשין אין היסטאריע, א נייער סארט 'גלות צווישן אידן', און די גאולה שלימה וועט קומען בלויז דורך משיח צדקינו. אפי' אסאך פון 'מזרחי' זענען שוין אויסגעטשוכעט פון די 'גאולה' חלומות.

***

**זיי האבן געזאגט:**
די ציוני'סטישע מדינה וועט 'אויסראטן אנטיסעמיטיזם'.

**דער רבי האט געזאגט:**
די מדינה איז דער גרעסטער מקום סכנה, א מקום מוכן לפורעניות וואס פארשפרייט אנטיסעמיטיזם איבער דער גארער וועלט.

**אכציג יאר שפעטער: דער רבי איז געווען גערעכט!**
יעדער איד, וואו אימער איבער די וועלט, איז באזארגט פון די אנטיסעמיטיזם וואס די מדינה טרייבט אויף, און די מדינה זעלבסט איז דער גרעסטער פיזישער מקום סכנה פאר אידן זינט די צווייטע וועלט מלחמה.

***

**זיי האבן געזאגט:**
"מדינה שאני", נישטא קיין ברירה, אונז זענען מיר אויך קעגן 'ציונות', אבער מ'מוז ארבעטן מיט זיי צו 'אויפטון פון אינעווייניג'.

**דער רבי האט געזאגט:**
התחברות לרשעים איז אַן איסור גמור. דאס וועט צוברענגען אז מ'איז א שותף מיט זיי אין די גרעסטע איסורים, און מ'וועט אליינס אראפפאלן פון ערליכן אידישן וועג.

**אכציג יאר שפעטער: דער רבי איז געווען גערעכט!**
די חרדי'שע פארטייען זענען היינט געהעריגע שותפים מיט די 'מזרחי', זיי פארשפרייטן די ארגסטע ציונות ר"ל, און שטופן די טריפה'נע און סכנה'דיגע אגענדעס פון די ערגסטע מתנחלים וואס אפילו די 'נארמאלע' ציוניסטן זענען דערקעגן. הוי, מי יגלה עפר מעיני די אמאליגע גדולים פון אגודת ישראל!

***

**זיי האבן געזאגט:**
דער איבערשטער מאכט 'ניסים' פאר די 'אידישע מדינה'.

**דער רבי האט געזאגט:**
מינות וכפירה צו זאגן אזוי. אפילו אויב וואלט געווען ניסים איז עס פונעם ס"מ, אבער דא איז קיינמאל קיין ניסים נישט געווען.

**אכציג יאר שפעטער: דער רבי איז געווען גערעכט!**
אויב עמיצער איז נאך מסופק צי די ציוניסטן האבן געהאט 'ניסים' ביי די זעקס טאגיגע מלחמה, קען מען פרעגן די סי-איי-עי... וואס האט שוין ארויסגעגעבן די אמאל-געהיימע דאקומענטן, וואו זיי האבן פאראויסגעשאצט אז מדנ"י וועט באזיגן די אראבער.

***

**דער רבי האט געזאגט:**
"עס וועט זיי נאך באנג טון די נצחונות".

**זיי האבן געזאגט:**
ממש געלאכט אין די פויסטן! נאכ'ן טאנצן אין די גאסן איבער די גרויסע זיג פון די ציוניסטן אין די זעקס טאגיגע מלחמה, און דאס איינגענעמען ריזיגע שטיקער טעריטאריע.

**אכציג יאר שפעטער: דער רבי איז געווען גערעכט!**
מדבר סיני האבן זיי שוין לאנג צוריקגעגעבן פאר עגיפטן; עזה האבן זיי אויפגעגעבן, און פאריאר געליטן אזא שוידערליכע טעראר אטאקע פון דארט; מערב ברעג (יהודה ושומרון) וואלטן זיי גערן צוריקגעגעבן פאר ירדן, אבער ירדן דארף עס נישט, און מדינת ישראל קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דעם קאכעדיגן פאס פולווער.

***

**זיי האבן געזאגט:**
מיר נעמען נאר צוריק 'אונזער' שטייערן-געלט. אונז וועלן מיר זיך אַן עצה געבן מיט די מדינה, קיינער וועט אונז נישט איינטיילן.

**דער רבי האט געזאגט:**
אויב מ'נעמט זייער געלט, ווערט מען איינס מיט זיי. נישט נאר וועגן כח הפועל בנפעל, נאר ווייל מ'גיבט זיי פאקטיש איבער די שליסלען אויף אלע מוסדות התורה. מ'וועט זיי אליינס נאכלויפן צו וועלן געפעלן פאר'ן ציוני'סטישן 'פריץ'.

**אכציג יאר שפעטער: דער רבי איז געווען גערעכט!**
די מוסדות וואס נעמען געלט רוקן צוביסלעך אריין אלס מער פון די טריפה'נע לימודי ליב"ה, ווען זיי ברעכן זיך צום כסדר-וואקסנדן דרוק פון די מדינה צו אריינרעדן אין די מוסדות וואס 'זיי' האלטן אויס – אנדערע מוסדות לויפן גאר בידים אריין אינעם ממ"ח נעץ! כדי צו פארדינען נאך אפאר אויסגעקארגעטע שקלים.

***

באמת וואלט מען געקענט אסאך מאריך זיין ביי יעדע איינע פון די דערמאנטע טעמעס, און אויך דאס זענען בלויז אייניגע פון די ביישפילן, ס'זענען נאך פארבליבן אין פעדער א לאנגע ליסטע פון ענליכע זאכן, וואו מ'קען זען און שטוינען ווי ווייט ס'שטעלט זיך ארויס דער אויסטערלישער כח הקדושה וואס האט באגלייט דעם רבי'ן זי"ע אויף טריט און שריט ממש, ווען ער האט פאראויסגעזען אזוי קלאר און דייטליך אויך ווען אנדערע האבן אפגעלאכט אדער געווארנט דערקעגן (נאר עטליכע קורצע דוגמאות: מיידל-שולעס, פראטעסטן קעגן ציוני'סטישע גזירות, שטאט קרית יואל, מהלך אין צניעות, צוגאנג צו כשרות המאכלים, ועוד הרבה).

דאס דארף אונז נאכמער ברענגען צו אנערקענען דעם גרויסן נס, ברוך ה' אשר השאיר לנו גואל, וואס האט נישט פארלאזט דאס שארית הפליטה און צוגעשטעלט דעם מנהיג הדורות צו ראטעווען כלל ישראל אין די שרעקליכע פינסטערע תקופה.

**חסדי ה' כי לא תמנו!**

דער פלעק וועט קיינמאל נישט ווערן 'ריין'!

## ציוני'סטישע 'פאליציי-אויספארשונג' אפטיילונג טוט 'ריינוואשן' בארבארישע פאליציאנטן וועלכע האבן אכזריות'דיג אומגעווארפן און געשעדיגט הישיש הר"ר אברהם קרויזער שליט"א פארלאפענעם ל"ג בעומר אין מירון

**מקום המשפט שמה הרשע**





**ברייט פארשפרייטע בילדער בשעתו פון די בארבארישע ציוני'סטישע רשעות אויף דעם עלטערן זקן**

## ציוני'סטישע אינטערעסן נוצן אויס אנטיסעמיטישע אטאקע אויף קהל עדת ישראל שוהל אין מעלבורן, אויסטראליע, פאר זייערע אגיטאציעס און התגרות באומות

אין צייט וואס ארטיגע אידן זוכן אנצוקניפן בעסערע קשרים מיט ארטיגע רעגירונג, זענען די ציונים דא מיט פארקערטן ציל: ראש הכופרים שר"י באשולדיגט 'אויסטראלישע רעגירונג' אז זייער שטימע פאר א יו-ען רעזאלוציע קעגן די מדינה האט געברענגט דאס אנטיסעמיטיזם... – אויסטראלישער פרעמיער פארשריגן דורך ציוני'סטישע אקטיוויסטן ביי א סאלידאריטעט באזוך אינעם שוהל – מפעל הק' "נטרונא" ארויס אויף סאציאלע מידיא אפשלאגן די התגרות באומות אגיטאציעס, אנווייזנדיג אז די אנטיסעמיטיזם איז דוקא א דירעקטע תוצאה פון זיינע שריט און רעטאריק – מעסעדזש געזען געווארן דורך פילצאליגע טויזנטער גוים שאפנדיג גרויסער קידוש ד'

נאך א גאר טייערער קרבן פון ביטערער התגרות רח"ל:

## שוידערליכע טעראר אטאקע אויף לעבן פון יונגע שעפעלע טרייסלט אויף יעדן אידיש נפש



**הילד יהושע אהרן טובי' שמחה הי"ד יידער אומגעקומען פון שיסעריי אטאקע דורך אראבישן רוצח אויף א באס וואו די משפחה איז געפארן אויפן וועג אהיים פון א שמחת שבע ברכות בביתם – ד' ינקום דמו**

מרכז עזרה ויעוץ
להצלת בחורי ישראל מצבא השמד ומכלא הציוני
מטעם הנהלת העדה החרדית

חסיד'ישער בחור געפאנגען אין צה"ל:

## איך מוז אנטלויפן פון דא!

**א חשוב'ער מציל המרכז פארציילט א פאסירונג פון די היינטיגע וואך:**

עס פארבינדט זיך מיט מיר א בחור פון די גרויסע חסידות'ן אין ירושלים, ער איז ליידער נישט בייגעשטאנען דעם נסיון און די איבערשרעקונגען פון די מיליטער, און ער האט זיך ליידער רעקרוטירט צום מיליטער.

פארשטייט זיך אז מען האט אים אין אנהויב צוגעזאגט אז ער וועט גיין אין א פרומער אפטיילונג מיט כשר'ע עסן א.א.וו., אבער דאס האט זיך באלד ארויסגעשטעלט אלס שיינע חלומות, ער איז אריינגעשטעלט געווארן אין א מלחמה אינדזשענירונג אפטיילונג, אינאיינעם מיט פרייע יונגען און מוידן רח"ל, און ער וויינט... איך מוז אנלויפן פון דא, מען קען דא קיין איד נישט בלייבן...

און אויב דאס איז נישט גענוג, פארציילט דער בחור דאס אומגלויבליכע, ער באקומט ניטאמאל קיין אורלויב אום שבת, און ער איז געצווינגען צו ארבעטן בעצם יום השבת קודש רח"ל!

יעצט האט ער ענדליך באקומען אורלויב אויף איין שבת, און דעריבער איז ער יעצט אויף די מינוט אינדרויסן, און, ער האלט בשום אופן נישט ביים צוריקגיין! ער איז טאקע אריין אין מיליטער, אבער נישט מיט'ן חשבון צו ווערן אויס איד, רח"ל.

די מצילים האבן באלד אנגעהויבן אנווענדן די נויטיגע מיטלען, און אויפדערוייל פארזיכערט אז דער בחור גייט אודאי נישט צוריק אין מיליטער, און אצינד ארבעט מען העפטיג, האפנדיג צו זען א גענצליכע ענדע צו די פארפלאנטערטע פרשה בקרוב!

באזונדערע בג"ץ דראמא:

## תמיכה פאר "אלע" כוללים משלחן איזבל וועט זיך מעגליך גענצליך אפשטעלן!

**קומענדיגן חודש אדר וועט אין ציוני'סטישן טריפה'נעם בג"ץ פארקומען א 'הירינג' אנבאלאנגט תמיכה וואס מדינה שענקט פאר די כוללים, וואו די געלט גייט פאר די יונגעלייט פערזענליך – בג"ץ פארלאנגט פון די מדינה צו ענטפערן אין די קומענדיגע זעכציג טעג פארוואס דאס איז געזעצליך**

עמערדזשענסי רוף דורך מציל "מרכז עזרה ויעוץ":

# השתדלו והרבו תחינה

## עטליכע אידן געפינען זיך שוין אין מיליטערישן טורמע עטליכע חדשים!

אריה הירש לייב בן יונה לאה – זינט ראש השנה
שלו' שלמה בן מירב –
אנטלאפן פון מיליטער, און ארעסטירט שוין 5 חדשים
אופק אליהו בן דליה – זינט ראש השנה
נחמן בן צופית מיכל – זינט ראש השנה
שמואל בן כתרין – זינט ראש השנה
נחמן נתן בן עליה אורטל – צוויי חדשים

המקום ירחם עליהם ויוציאם מצרה לרוחה




ומנותר קנקנים נעשה נס:

## פריידיגער מעמד 'חנוכת הבית' וועט געפראוועט ווערן דורך ניי געגרינדעטער "תלמוד תורה עטה"ק" שע"י חסידי 'סלאנים'

הגה"צ ר' מאיר צוויבל שליט"א מח"ס נר המאיר ומרבני סאטמאר-וויליאמסבורג, און הרה"ח ר' שלמה מענדלאוויטש יו"ר 'עזר הצלה', ספעציעל געלאדנט געווארן דורך ראשי המוסד לאות הוקרה אויף די כוחות עצומות אריינגעלייגט געווארן אין די לעצטע חדשים למען הקמת המוסד הק' - פך שמן טהור בחותמו של כהן גדול!

מרכז עזרה ויעוץ

## "מרכז" אפיסעס פארפלייצט דורך רופן פון הונדערטער דערשראקענע עלטערן, נאך שרעקעדיגע סטראשונקע-קאללס פונעם צה"ל אז "מען גייט קומען אינמיטן נאכט ארעסטירן ענקער בחור"

## ברכת מזלא טבא

אל מול פני הני גברא יקירא,
עוסקים בלי ליאות למען כל קדשי ישראל

### הר"ר אברהם קלמן אליעזר מאסרי הי"ו

עוסק במסירות להפצת גליונינו המפואר בתוככי עיר קרית יואל

לרגל **אירוסי בתו** למז"ט

***

### הר"ר שניאור זלמן גאלדמאן הי"ו

עסקן נמרץ לטובת מרכז עזרה ויעוץ

לרגל **הולדת בתו** למזל טוב

יה"ר שיזכו לראות רב תענוג ונחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם, ולהמשיך בפעולותיהם
הברוכות ברוב סייעתא דשמיא

## -סימן טוב ומזל טוב-

ברגשי גיל וחדוה ברכותינו צרופה אל מול ידידינו הנכב-
דים, לכם ער וחם למען כל קדשי ישראל, שבחם מי ימלל,
אין גומרין עליהן את ההלל,

ה"ה

### הרה"ח ר' אברהם יושע גלאנץ הי"ו

פרנס 'ער"ד לחודש' בתוככי "מרכז עזרה ויעוץ"

לרגל **הכנסת בנו נ"י**
**לעול התורה והמצוות**
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

יהא רעוא מן קדם אבוהון די בשמיא, שיזכה לראות רוב תענוג ונחת מכל יוצ"ח,
ותשרה שכינה בכל מעשי ידיו, ברב טוב אושר ועושר, נחת ושמחה עד בלי די

המברכים

| | | |
|---|---|---|
| **יצחק שיפף**<br>בשם הנהלת מרכז<br>עזרה ויעוץ – ארה"ב | **שמעון שישא**<br>בשם הנהלת מרכז<br>עזרה ויעוץ – ארה"ק | **וועלוול קוביטשעק**<br>שלוחא דרבנן למען<br>מרכז עזרה ויעוץ |

## זיך מזכיר צו זיין פאר א ישועה ביי רבי שמעון בר יוחאי

און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון קודש הקדשים דורך'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א
רופט דעם עסקן המרכז בארה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 718.977.5227



להערות והארות אדער פאר מוסדות עטה"ק וועלכע ווילן אדווערטייזן
אין אונזער גליון ביטע שיקן אן אימעיל צו mishnuso@gmail.com